STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02155

DI ROL FUN YIDN IN DI NEGER-KAMFN

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. נאָוויק

די ראָל פון אידן

אין די

נעגער-קאַמפן

וואָס קומט פאַר צווישן די נעגער?

וואָס דאַרף זיין די ראָל פון אידן?

וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָס אַנדזשעלעס?

פאַקטן — ציפערן — בילדער

ISBN:0-657-02155-5
Old Call No.,97-519 v.

ניו יאָרק, 1965

פרייז: 15 סענט

Published by the: "Morning Freiheit"

35 East 12th Street

New York 3, N. Y.

דער אויסברוך אין לאָס אַנדזשעלעס

צוויי שטאַנדפּונקטן — ליבעראַל און רעאַקציאָנער

ציט מען אונטער דעם סך הכל פון דעם, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער און אידישער פּרעסע וועגן די געשעענישן אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען דעם 11טן־15טן אויגוסט, וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס פאָלגנדיקע:

וואו נאָר אַ ליבעראַלער מענטש, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, האָט האָט ער אָנגעוויזן דער עיקר אויף די באַדינגונגען, וואָס האָבן געבראַכט צו די געשעענישן, אויף דער לאַגע פון די נעגער־מאַסן.

די שאַרפסטע באַמערקונג איז געמאַכט געוואָרן פון סענאַטאָר ראָבערט פּ. קענעדי (פון ניו יאָרק) — אַז „עס האָט קיין זין ניט צו זאָגן די נעגער זיי זאָלן אויספאָלגן דעם געזעץ, בשעת פיל פון זיי האָבן דאָס געפיל — און זיי האָבן די סיבות דערויף — אַז דער געזעץ איז דער שונא“, — זייער שונא, הייסט עס. און „דהי לאָאָ“, דער געזעץ, איז דאָ אין אַ גרויסער מאָס — די פּאָליציי.

די „ניו יאָרק טאַימס“ האָט אין איר איבערזיכט זונטאָג, דעם 22טן אויגוסט, איידער זי האָט געבראַכט די דערקלערונג פון סענ. ראָבערט קענעדי, איבערגעגעבן די ווערטער פון דעם פּאָליציי־הויפּט פון לאָס אַנדזשעלעס, וויליאַם ה. פּאַרקער, וועלכער האָט זיך באַרימט ביים אונטערדריקן די אויסברוכן: „מיר [די פּאָליציי] זיינען פון אויבן און זיי [די נעגערס] זיינען פון אונטן“. און דאָ האָט די „טאַימס“ באַמערקט:

> „אַלס רעזולטאַט דערפון זיינען געקומען נעגערשע באַשולדיקונגען אין ‚פּאָליציי ברוטאַליטעט‘ [און געוויסע באַשולדיגונגען זיינען אָן ספק גוט באַגרינדעט].“

באַמערקט דעם צוגאָב פון דער „טאַימס“: „געוויסע באַשולדיגונגען זיינען אָן ספק גוט באַגרינדעט“.

אין לאָס אַנדזשעלעס גופא שטרייכט גאָווערנאָר בראַון אונטער די סיבות פון די געשעענישן. אַזוי אויך סאַרדזשענט שראַיווער, הויפּט פון דעם „פעדעראַלן אָפיס פון עקאָנאָמישער געלעגנהייט“. פון דער אַנדערער זייט — דער רעאַקציאָנערער סענאַטאָר פון קאַליפאָרניע, דזשאָרדזש מורפי, וועלכער איז אין די נאָוועמבער־וואַלן געשטיצט געוואָרן פון די בוירטשערס; דער וויסטער דעמאַגאָג, מעיאָר סעם יאָרטי פון לאָס אַנ־

דזשועלעס, וועלכער איז געווען דער הויפּט פון דער „אומאַמעריקאַנער“ קאָ־מיטע פון קאַליפאָרניע און האָט אַלס „דעמאָקראַט“ געשטיצט ניקסאָנ׳ען אין די פּרעזידענט־וואַלן פון 1960... זיי ווילן ניט וויסן פון דער נעגערשער לאַגע — זיי ווייסן איינס: פאַרברעכערישע עלעמענטן צווישן די נעגער זיינען שולדיק.

די פאַרברעכערישע עלעמענטן

דאָס איז אָבער קיין האַלבער אמת אויך ניט, אין פאַרגלייך מיט׳ן עיקר.

אַז פאַרברעכערישע עלעמענטן טראָגן אַ גרויסע שולד פאַר דעם חורבן, איז קלאָר. אין יעדער סיטואַציע, וואו די באַדינגונגען זיינען רייף פאַר אַ מאַסן־אויסברוך, רוקן זיך אַרויס אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע נוצן אויס די געלעגנהייט. זיי דאַרפן, פאַרשטייט זיך, ענטפערן פאַר זייערע מעשים. פאַרזען די ראָל פון די עלעמענטן טאָר מען ניט. אָבער ווער עס שטעלט דעם טראָפּ אויף דעם און שטעלט ניט דעם טראָפּ אויף די באַדינגונגען, אויף דער לאַגע פון די נעגער־מאַסן, אויף דער בלוטיק־ברוטאַלער ראָל פון דער פּאָליציי, דער שטעלט זיך אַוועק — ווילנדיק, צי ניט־ווילנדיק — אין דער קאַטעגאָריע פון די מוירפיס מיט די בוירטשערס, מיט די יאַרטיס. און ס׳איז אַ וויטאָג צו זען ווי די צווייי ציטונגען פון איסט בראָדוועי האָבן זיך געשטעלט טאַקע אין דער־אַ קאַטעגאָריע.

פון די סאַמע ערשטע טעג פון די געשעענישן האָט זיך אַ טראָג געטאָן אין די צווייי ציטונגען איין געשריי: פאַרברעכער, שיכורים, גענגסטער, באַנ־דיטן, פּאַגראָמשטשיקעס און אַזוי ווייטער. אויב אימיצער זאָגט דאָרט עפּעס וועגן די סיבות פון די אויסברוכן, ווערן די ווערטער דערטרונקען אין דעם הו־האַ פון די עדיטאָריעלס און פון די העצערישע אַרטיקלען. דער אַלטער אידישער פּסוק: לאו עכברא גנב אלא חורא גנב (ניט די מויז איז דער גנב, נאָר די נאָרע איז דער גנב, — די נאָרע וואָס שאַפט מעגלעכ־קייטן פאַר דער מויז) איז פאַרגעסן געוואָרן. דער סאָציאַלער צוגאַנג ווערט אָדער אינגאַנצן דערשטיקט, אָדער פאַרטושט.

דער פאַרגלייך מיט צאַרישע פּאָגראָמען

אַז באַדייטנדיקע אידישע מאַסן זיינען פאַר׳סמ׳ט פון אַזאַ צוגאַנג, איז קלאָר. און אַזוי ווי פאָראורטיילן געגן „גויים“ און געגן „שוואַרצע“ זיינען אַלע מאָל געווען צווישן געוויסע שיכטן — ווערן איצט די פאָראורטיילן ווייי־טער געשפּייזט. האָבן מיר דאָ נאָך אַ טראַגעדיע — אין דער גרויסער אַמעריקאַנער טראַגעדיע, וואָס די געשעענישן אין לאָס אַנדזשעלעס שטעלן מיט זיך פאָר.

דורך דעם שעדלעכן צוגאַנג איז פּאַרטיפּט געוואָרן דער תהום צווישן יענע אידישע שיכטן, וואָס ווערן פון די צייטונגען באַאיינפלוסט — און די נעגער־מאַסן. און אויף וויפיל דער קאַמף פאַר נעגער־רעכט איז ניט קיין פראַגע פון פילאַנטראָפּיע, פון רחמנות, נאָר אַ פראַגע פון דעם גורל פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און אויך פון דעם גורל פון די אידישע מאַסן, אויף אַזוי פיל מוז מען שטאַרק באַדויערן אַזאַ אַנטוויקלונג.

ס׳איז נאָר געווען נאַטירלעך, אַז צווישן די הויפּט־שרייער אויף איסט בראָדוועי זאָל זיך געפינען אַ מעקאַרטי־טיפּ, וואָס האָט אין „יענע״ יאָרן, ווען מעקאַרטיזם האָט געבושעוועט, געהאַט דעם מוט צו באַפאַלן איינשטיין׳ען, פאַר זיין קאַמף געגן מעקאַרטיזם. דער דאָזיגער טיפּ — זיין נאָמען איז יעקב רייך — האָט פאַרגליכן (אין „פאָרווערטס״) די געשעענישן אין לאָס אַנדזשעלעס מיט די פּאָגראָמען אין אַלטן רוסלאַנד.

דאַרף מען אים אפשר „דאַנקבאַר״ זיין פאַר דעם פאַרגלייך. דאָס קאָן העלפן קלאָרער מאַכן די לאַגע פאַר אידן, וועלכע געדענקען וואָס אין אַלטן רוסלאַנד האָט זיך געטאָן.

די פּאָגראָמען אין אַלטן רוסלאַנד

בכלל געבומען איז דער פאַרגלייך קיין פאַרגלייך ניט, צוליב אַ סך סיבות. אָבער איין ענלעכקייט איז דאָ פאַראַן. אין אַלטן רוסלאַנד, ווען די צאַרישע מאַכט האָט איינגעאָרדנט די פּאָגראָמען, כדי צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, האָבן געוויסע אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן צווישן אידן פאַרשריען די רוסן בכלל ווי פּאָגראָמשטשיקעס און אויף אַזאַ אופן געזוכט אַרונטערצורייסן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. מענטשן מיט וויפיל ניט איז אחריות און פאַרשטענדיקונג פאַר דער צייט, ליבעראַלן אפילו, אָפּגערעדט שוין פון רעוואָלוציאָנערן, האָבן אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אַ פאַרלוימדונג אויפ׳ן רוסישן פאָלק און אויף דער רעוואָלוציע.

עס איז גוט באַוואוסט אַז די פּאָגראָמען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן, דורך דער צאַרישער מאַכט און דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן „פאַראיין פון רוסישן פאָלק״. די פּאָגראָמען זיינען אַלס כלל געמאַכט געוואָרן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי און דער אַרמיי. די ערב־רב עלעמענטן האָבן מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט דאָס רוסישע פאָלק. צוליב די פּאָגראָמען האָט מען ניט געטאָרט פאַרזען די רעוואָלוציע; פאַרקערט, כדי אוממעגלעך צו מאַכן פּאָגראָמען האָט מען געדאַרפט שטאַרקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

אויף וויפיל איינער זעט ניט אין די געשעענישן אין לאָס אַנדזשעלעס קיין שום אַנדער זאַך ווי פּאָגראָמען, אָדער ער זעט דער עיקר פּאָגראָמען, שטעלט ער זיך אַוועק צווישן יענע עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרלוימדעט דאָס פאָלק און געזוכט אַרונטערצורייסן די רעוואָלוציע.

ציענדיג ווייטער דעם פאַרגלייך, דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז כדי אָפּצושאַפן דעם באָדן פאַר פאַרברעכערישע עלעמענטן, דאַרף מען העלפן פאַרשטאַרקן די נעגערשע רעוואָלוציע, באַזייטיגן די „גאַרע", אויסהיילן דעם באָדן, אויף וועלכן עס ווערן איצט צייטיג מאַסן־אויסברוכן.

אין לאָס אַנדזשעלעס, ווי פאַראַיאָרן אין האַרלעם און אַנדערע נעגערשע געטאָס, איז פאַרגעקומען אַ סטיכישער אויסברוך. אין אַן אַטמאָספערע וואָס איז געווען — און איז — פול מיט פולווער, איז גענוג געווען אַ פונק עס זאָל קומען דער אויפרייס. און אָט זיינען די רעזולטאַטן לויטן חשבון פון דער „טאַימס":

דער חורבן — פון וואַנען איז ער געקומען?

„36 טויטע [פון זיי 33 נעגער], אַרום 344 פאַרוואונדעטע, 209 הייזער פאַרברענט און 787 באַשעדיגט". כמעט אַלע הייזער, זאָגט די „טאַימס", נעגערשע. די צעראַבירטע געשעפטן האָבן מייסטנס געהערט צו ווייסע (איינגעשלאָסן אידן), ווי דער שטייגער איז אין די געטאָס, אָבער אויך נעגערשע געשעפטן, ווייזט אָן די „טאַימס", זיינען צעראַבירט געוואָרן.

פיר טויזנט מענטשן זיינען אַרעסטירט געוואָרן — כמעט אַלע נעגער.

די גאַנצע נעגערשע געטאָ פון דער „וואַטס" געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס שטעלט פאַר מיט זיך אַ בילד פון חורבן. די נעגער־מאַסן אַליין זיינען דאָ געטראָפן געוואָרן פון דעם צאָרן וואָס האָט אויפגעריסן אויף אַלע זייטן. נעגערשע היימען זיינען אונטערגעצונדן און חרוב געוואָרן! אויב די מייסטע הייזער האָבן געהערט צו ווייסע, זיינען דאָך די היימען, מיט אַלץ וואָס שטעלט צונויף אַ היים, געווען נעגערשע. ס'איז געווען, ווי דער נעגערשער שרייבער, פראָפ. קענעט קלאַרק האָט געזאָגט אין דער „נ. י. טאַימס" (סעפט. 5), אַ מין פאַרצווייפלטער אַקט פון זעלבסטמאָרד.

דאָ האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן אַן אויפשטאַנד אונטער אַ פירערשאַפט, מיט אַ פּראָגראַם. די „פּראָגראַם" איז דאָ אַרויסגערוקט געוואָרן פון דער ביטערער לאַגע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פאַר די נעגער דורך אונזער אַמעריקאַנער „ציוויליזאַציע" — „ווייסער" „ציוויליזאַציע", דאַרף מען צו־געבן.

עס וועט ניט שאַדן צו געדענקען, אַז דער ענין ציט זיך נאָך פון די צייטן, ווען נעגער זיינען געכאַפּט געוואָרן פון שקלאַפן־הענדלער, גע־בראַכט געוואָרן אַהער, פאַרקויפט געוואָרן אויפ'ן מאַרק, פאָטערס און מו־טערס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע קינדער, — און אַזוי פאַרקערט — דער גאַנצער ענין פאַמיליע־לעבן איז אויף אַ באַרבאַרישן אופן אָפּגע־שאַפט געוואָרן...

אידן געדענקען גוט וואָס מ'האָט מיט זיי געטאָן מיט טויזנט יאָר צוריק און נאָך פריער. מעג מען אַראָפּנעמען די האַנט פון האַרצן און אָנערקענען, אַז צווישן די נעגער געדענקט מען וואָס ס'האָט פּאַסירט איגאַנצן מיט עטוואָס איבער הונדערט יאָר צוריק — און זיינט דעמאָלט... בפרט ווען עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן געשיכטע.

לאָמיר צוריקגיין צום איבערזיכט אין דער „ניו יאָרק טאַימס":

„צוויי דריטל איינוואוינער פון דער „וואָטס" געטאָ האָבן אפילו קיין מיטלשול (היי־סקול) בילדונג ניט געקראָגן;

איין אַכטל איז אַנאַלפאַבעטיש, קאָן ניט לייענען און שרייבן;

דרייסיק פּראָצענט פון די קינדער זיינען פון צעבראָכענע היימען;

הייזער וואָס זיינען געבויט געוואָרן פאַר איין פאַמיליע האָבן ביי זיך צו עטלעכע פאַמיליעס — ממש צעשפּאָרט צו ווערן;

„וואָטס" האָט דעם נידעריגסטן פּער־קאַפּיטאַ (פּער קאָפּ) איינקונפט פון וועלכער עס איז געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס, מיט'ן אויסנאַם פון „סקיד ראָו" (וואו די „טרעמפּס" האַלטן זיך אויף).

דר. מאַרטין לוטער קינג, וועלכער האָט צוזאַמען מיט ראָי ווילקינס און דזשעימס פאַרמער פ א ר ד א מ ט די פאַרברעכערישע עלעמענטן, — און דאָס דאַרף מען געדענקען — האָט ביים אָנקומען אין לאָס אַנדזשעלעס דערקלערט:

„דער פּאָליציי־טעראָר איז בלויז געווען דער פונק, וואָס האָט אויפגעריסן די פּולווער־פאַס פון דער אָנגעזאַמלטער ביטערקייט, האַס און צאָרן געגן די עקאָנאָמישע איבלען; אָרעמקייט, אַרבעטסלאָזיגקייט, סלאָמס, דיסקרימינאַציע אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן".

וויכטיגע פאַקטן וועגן אַרבעטסלאָזיגקייט

לאָמיר נעמען די פאַקטן, וואָס דער באַקאַנטער עקאָנאָמיסט לעאָן קייזערלינג האָט דעם 24טן אויגוסט, אָנגעגעבן אין דער „ניו יאָרק טאַימס". די אמת'ע ציפערן פון דער אַרבעטסלאָזיגקייט אין אַמעריקע באַווייזן, זאָגט ער, אַז אַכט (8) פּראָצענט פון די אַרבעטס־מענטשן זיינען אַרבעטלאָז; אַז צווישן דער יוגנט איז די אַרבעטלאָזיגקייט צוויי מאָל אַזוי גרויס, דאָס הייסט, זעכצן פּראָצענט און אַז צווישן דער נעגערשער יוגנט איז די אַרבעטלאָזיגקייט פיר מאָל אַזוי גרויס, דאָס הייסט — צוויי און דרייסיג פּראָצענט.

עס איז אַ סברה, אַז דער פּראָצענט אַרבעטסלאָזע צווישן דער נעגערשער

יוגנט איז נאָך גרעסער. מער ווי אַ דריטל פון דער יוגנט דרייט זיך אַרום שלינג און שלאַנג, אָן האָפענונגען צו קריגן אַרבעט. פיל ווערן אויף אַזאַ שטייגער געטריבן אויף שעדלעכע וועגן, דורך די אומשטענדן. דאַרפן די אומשטענדן אָפּגעשאַפט ווערן!

לאָמיר נאָך צוגעבן די פאַקטן וואָס פרעזידענט דזשאָנסאָן האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין רעדע אין דער נעגערשער האָוואַרד אוניווערזיטעט דעם 4טן יוני:

מיט 35 יאָר צוריק איז די נעגערשע אַרבעטסלאָזיגקייט געווען אומגעפער אַזוי גרויס ווי צווישן ווייסע — איצט איז זי צוויי מאָל אַזוי גרויס;

זינט 1947 איז צווישע ווייסע די צאָל אָרעמע פאַמיליעס פאַרקלענערט געוואָרן אויף 27 פּראָצענט, בשעת צווישן טונקל-הויטיגע איז די פאַרקלענערונג געווען נאָר אויף דריי פּראָצענט.

דאָס גיט קוים אַ פול בילד פון דער נויט פון די נעגער-מאַסן. פרעזידענט קענעדי האָט אין זיין באַרימט-געוואָרענער רעדע פון 11טן יוני 1963 געגעבן אַ מער איינדרוקפול בילד פון דער ביטערער לאַגע פון די נעגער-מאַסן. לאָמיר זיך דערמאָנען וואָס קענעדי האָט געזאָגט. נאָר פריער — נאָך עטוואָס וועגן דעם געשריי „פּראָגראַמען“.

קאַמף פאַר נעגער־רעכט איז קאַמף פאַר אידן

די אַמאָליגע טענות געגן „בונד“

מיר האָבן זיך פריער פאַררופן אויף איינעם אויף איסט בראָדוועי, וואָס האָט זיך צעשריען וועגן די געשעענישן אין לאָס־אַנדזשעלעס מיט׳ן געשריי: „פּאָגראָמען“ און ער האָט די געשעענישן פאַרגליכן מיט די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד.

האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז דעמאָלט, בשעת די צאַרישע רעאַקציע האָט געזוכט צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דורך פּאָגראָמען, האָבן זיך טאַקע געפונען אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן צווישן אידן, אָבסקוראַנטן־פאַנאַטיקער און בכלל שאָוויניסטן, וואָס האָבן צוליב די פּאָגראָמען פאַר־לוימדעט דאָס רוסישע פאָלק און דערביי געזוכט אַרונטערצורייסן די רע־וואָלוציע.

ווער עס געדענקט יענע צייטן אין אַלטן רוסלאַנד, דער ווייס, אַז די זעלביגע אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן צווישן אידן האָבן באַשולדיגט דעם „בונד“, אַז ער וויל „שמירן די רעדער פון דער רעוואָלוציע“ מיט „אידיש בלוט“. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פאַרלוימדונג אויפ׳ן „בונד“ און אַן אויסדרוק פון דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די דאָזיגע עלעמענטן.

די רעוואָלוציע געגן צאַריזם האָט באַדייט: — איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צום פאַרגיסן אידיש בלוט! די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן האָבן אָבער בעסער געוואָלט מ׳זאָל דעם צאַריזם ניט טשעפּען. זיי האָבן ניט באַ־גריפן אין וועלכער צייט זיי לעבן און ניט פאַרשטאַנען זייערע אייגענע אינ־טערעסן אפילו. אידן האָבן קיינעם קיין טובה ניט געטאָן, ווען זיי האָבן געקעמפט געגן צאַריזם — זיי האָבן געקעמפט פאַר זיך!

אידן אין אַמעריקע קעמפן פאַר זיך, ווען זיי באַטייליגן זיך אין דער נעגערשער רעוואָלוציע. דאָס וואָלט מען געדאַרפט אַביסעלע אָפּטער אונ־טערשטרייכן. ספּעציעל ווען עס זיינען פאַראַן אין אידישן לעבן, אין אידישע צייטונגען, אַזעלכע וואָס לייקענען עס; וואָס האַלטן אַז אידן, ספּעציעל אין דרום, קאָנען גאַנץ פיין אויסקומען אָן גלייכע רעכט פאַר נעגער.

זיינען דאָ אידישע ראַסיסטן?

אין איין צייטונג — אין „טאָג“ — וואו אַ גאַנץ אָנגעזעענער שרייבער, ד״ר. ש. מאַרגאָשעס, האָט די מיינונג אַנומלט אָפּן אַרויסגעזאָגט עטלעכע

מאָל (אין זיין ענגלישן קאָלום), איז מען אַרויסגעטראָטן געגן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, הלמאי ער גיט זיך „צופיל" אָפּ מיט'ן קאַמף פאַר נעגער־רעכט (און דר. יאָאַכים פּרינץ, פּרעזידענט פון אַמ. איד. קאָנגרעס, האָט שאַרף אָפּגעענטפערט). אין דער זעלביגער צייטונג — אין „טאָג", הייסט עס — האָט מען זיך אפילו פאַרגינט מיט אַ לענגערער צייט צוריק אָפּצודרוקן אַן אויפרוף פון איינעם אַ צייטווייליגן „טשערמאַן" פון אַ „אידישן פאַרבאַנד" צו באַקעמפן די אַנטשיידונג פון העכסטן געריכט פאַר אינטעגראַציע („טאָג", 31טן דעצעמבער 1963). ראַסן־גלייכהייט דראָעט די „פאַרניכטונג פון אידישע קהילות", האָט דער דאָזיגער אידישער ראַסיסט דערקלערט. די צייטונג האָט דעם אויפרוף אָפּגעדרוקט — אָן אַ שום באַמערקונג אפילו.

מיר דערמאָנען דאָס אַלץ — ניט כדי צו אונטערצייען חשבונות מיט וועמען עס איז, אָדער חשבונות מיט אַנדערע צייטונגען. דאָס זיינען צייטונגען — און שרייבער — מיט אַ באַשטימטער שטעלונג און געגן דער שטעלונג מוז מען אַרויסטרעטן, אויב זי איז אַ שעדלעכע. דער ציל אונזערער איז — מען זאָל וויסן, לויט אונזער אָפּשאַצונג, וועלכע קרעפטן עס ווירקן אינ'ם אידישן לעבן.

עס זיינען דאָ אָבסקוראַנטישע, שאָוויניסטישע קרעפטן. אָט די קרעפטן האָבן, לויט אונזער מיינונג, געקראָגן זייער אויסדרוק אין געוויסע אָפּשאַצונגען פון די געשעענישן אין לאָס אַנדזשעלעס, — אָפּשאַצונגען אין די אויסט בראָדוועיער צייטונגען, אינ'ם אידישן לעבן בכלל, און מ'דאַרף זאָגן אָפן, אַז דאָ און דאָרט פאַלט אויך אַ פּראָגרעסיווער מענטש אַרונטער אונטערן איינפלוס פון די קרעפטן. חוץ „אייגענעם" שאָוויניזם, אתה בחרתנו'איזם, איז דאָ אַזאַ זאַך ווי ראַסיזם בכלל אין אַמעריקע, וועלכער שטעקט אַן ווייסע פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן.

לאָמיר כסדר אינזינען האָבן ווי פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן אין אידישן און אַלגעמיינעם לעבן שטעלן אָוועק די פראַגע. לאָמיר דערמאָנען די באמת היסטאָרישע רעדע, וואָס דער מאַרטירער־פּרעזידענט דזשאָן פ. קענעדי, האָט געהאַלטן דעם 11טן יוני, 1963, וועגן דער נעגער־פראַגע.

פּרעזידענט קענעדי'ס ווערטער

מיט אַ טאָג פריער, דעם 10טן יוני, האָט ער געהאַלטן אַן אַנדער זייער־וויכטיגע רעדע, אויך באמת אַ היסטאָרישע, וועגן פריינטשאַפט מיט'ן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועגן שלום, און ס'איז ניט געווען קיין צופאַל וואָסביידע רעדעס זיינען געגאַנגען צוזאַמען. דאָס איז אויך אַן ענין וואָס מען דאַרף געדענקען...

אין דער רעדע פון 11טן יוני האָט קענעדי דערקלערט:

„מיר שטייען פאַר אַ גרויסן איבערברוך און ס'איז אונזער חוב צו זען אַז די רעוואָלוציע, דער איבערברוך, זאָל פאַרקומען פרידלעך און קאָנסטרוקטיוו".

קענעדי האָט גערעדט וועגן אַ „מאָראַלן קריזיס", אין וועלכן מיר, ווייסע, געפינען זיך. ער איז געגאַנגען צוריק אויף 100 יאָר, ווען מ'האָט געגעבן די נעגער באַפרייאונג — און מ'האָט זיי פּאַקטיש ניט באַפרייט. ער איז געגאַנגען ווייטער אויף צוריק, צו דער רעוואָלוציע פון 1776, צו דער „אומאָפּהענגיגקייט-רעוואָלוציע", וואו עס זאָגט זיך, אַז „אַלע מענטשן ווערן באַשאַפן גלייך" און האָט אָנגעוויזן, אַז מיר זיינען „צו שפּעט" ניט מיט 110 יאָר, נאָר (דעמאָלט, אין 1963) מיט 187 יאָר, זינט דער רעוואָלוציע.

קענעדי האָט ווייטער דערקלערט:

אַ נעגער-קינד, ווען דאָס ווערט געבוירן, האָט עס אַ העלפט וויי-ניגער שאַנסן פון אַ ווייס קינד דורכצוגיין מיטלשול (האַי-סקול) און אַ דריטל שאַנסן צו גיין אין קאָלעדזש. עס האָט אָבער דערפאַר צוויי מאָל מער שאַנסן צו זיין אַרבעטלאָז... און קאָן דערוואַרטן אַ לעבנס-דורכשניט אויף זיבן יאָר ווייניגער ווי אַ ווייס קינד.

„די פייערן פון ניט-דערפילטקייט און קאָנפליקט ברענען אין יעדער שטאָט", האָט קענעדי געוואָרנט. און אין'ם שיין פון די פייערן האָט ער דערקלערט: „מיר שטייען פאַר אַ מאָראַלן קריזיס, ווי אַ לאַנד און ווי אַ פאָלק".

וואָס האָט דאָס באַדייט? — אַז מיר, ווייסע אַמעריקאַנער, האָבן אַ חוב צו צאָלן און דאַרפן אים באַצאָלן? געוויס. מיר האָבן אַ חוב צו צאָלן. די וועקסלען זיינען אַלט 100 יאָר, 187 יאָר און נאָך עלטער. דער קאַמף פאַר נעגער-רעכט באַדייט אָבער נאָך עפּעס זייער וויכטיגס.

פאַר אַמעריקע! פאַר די אידן!

דאָס איז אַ קאַמף פאַר דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. דאָס איז אַ קאַמף צו ברעכן די פעסטונג פון רעאַקציע אין אַמעריקע, אויף דרום. נעגער-רעכט וועט העלפן פטור ווערן פון די איסטלאַנדס און אַנדערע ראַ-סיסטן-אַנטיסעמיטן אין וואַשינגטאָן.

דאָס איז אַ קאַמף פאַר ברייטער, אמת'ער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקאַ-נער לעבן בכלל, אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

דאָס איז אַ קאַמף פאַר אידן אין אַמעריקע. אויף וויפיל עס איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע — און ער איז דאָ — שטאַמט ער פון די זעל-ביגע קוואַלן, וואָס שפּריצן מיט נעגער-האַס: פון די קו-קלוקסערס, די „וואַיט [ווייסע] סיטיזנס קאַונסילס" און בכלל ראַסיסטן. און ווען די ראַק-

וועל־באַנדיטן מאַרשירן מיט דער סוואַסטיקאַ, גיבן זיי אַן אַרויסרוף סיי אידן און סיי די נעגער. און די באַנדיטן, ווי באַוואוסט, ווילן גאַז־קאַמערן אין אַמעריקע.

מיר האָבן דעם 23טן יולי אַנגעוויזן אין דער „מאָרגן פרייהייט" אויף צוויי פאַרשונגען וועגן דער גיפטיגער טעטיגקייט פון די ראַסיסטן־אַנטיסע־מיטן דאָ אין לאַנד. איין פאַרשונג — פון אַרנאָלד פאָרסטער, הויפּט־אַד־וואָקאַט פון דער אַנטי־דעפעמעישאַן ליג פון בני ברית. אַ צווייטע — פון דזשעימס ה. שעלדאָן אינ׳ם ענגליש־אידישן וואָכנבלאַט „אַמעריקען עק־זאַמינער", וועלכער ווייזט אָן אויף אַ צעטל פון אַרום דריי טויזנט רויט־העצערישע, אַנטיסעמיטישע, אַנטי־נעגערשע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

ביידע אויספאָרשונגען ווייזן אָן אויף אַ ברייטן, שמוציגן שטראָם פון אַנטיסעמיטישער און אַנטי־נעגערשער פּראָפּאַגאַנדע וואָס ווערט אָנגעפירט פון די אַלע „קרוסעידערס", פון דעם גלח הארגיס און אַנדערע.

אידן און נעגער האָבן דעם זעלביקן שונא. דער קאַמף פאַר ציווילע רעכט, דער קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר לטובת די נעגער, איז אַ קאַמף פאַר אידישע אינטערעסן.

אידישער אָנטייל אין נעגער־קאַמף

קומט מען צו גיין און מען זאָגט, אַז די נעגער שאַצן ניט אָפּ וואָס אידן טוען פאַר זיי.

איז דאָס, ערשטנס, ניט „פאַר זיי". און צווייטנס... צווייטנס, איז די פראַגע אַזאַ: אויף וויפיל האָט טאַקע דער קאַמף פאַר ציווילע רעכט אַרייַנ־געדרונגען צווישן די ברייטע אידישע מאַסן?

אין אַ באַשטימטער מאָס — יאָ. וואָס איז שייך אידישע פירער, זיינען אַלע, מער־ווייניקער, פאַר נעגער־רעכט. זיי באַטייליקן זיך אין דעם קאַמף — ווער מער און ווער ווייניקער.

פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס איז אָפּגערעדט. אָבער אויך פיל רבנים־קערפּערשאַפטן, די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי, די בני ברית, הדסה, אידישער אַרבעטער קאָמיטעט — אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, קאָן מען זאָגן. און אַוודאי פּראָגרעסיווע אידישע אָרגאַניזאַציעס — די קלובן און סאָסייעטיס, די עמאַ לאַזארוס און אַזוי ווייטער.

גרויסע אידישע מאַסן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם היסטאָרישן מאַרש אויף וואַשינגטאָן, דעם 28טן אויגוסט, 1963. אַ באַדייטנדיגע צאָל ראַבאַים האָט זיך באַטייליקט אין די דראַמאַטישע קאַמפּן אויף דרום. אידישע יונגע־לייט זיינען געפאָרן אין פרייער אַריין, אין מיסיסיפּי; צוויי האָבן זייערע לעבנס אָפּגעגעבן — ענדריו גודמאַן און מאַיקל שווערנער — צוזאַמען מיט זייער נעגערישן חבר, דזשעימס טשעיני.

דאָס איז אַלץ ריכטיג און מ׳דאַרף עס כסדר אונטערשטרייכן. און דאָך...

פון די פריער־דערמאָנטע אידישע אָרגאַניזאַציעס קומען איניגע מייסטנס אָפּ מיט פרומע ווערטער — און אויך ניט גאַנץ אָפּט... מיר ווייסן וואָס עס טוט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס (און ער איז דערפאַר אַטאַ־קירט געוואָרן אין „טאָג״ און ווערט ווייטער אַטאַקירט), וואָס עס טוען די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. וואָס טוט דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט און איניגע אַנדערע קערפּערשאַפטן? אויף וויפיל איז דער אַנטייל פון אידן אין די נעגער־קאַמפן באמת אַריין אין דער טיף און אין דער ברייט פון דער אַמעריקאַנער אידישער באַפעלקערונג?

ווי געוויסע לענדלאָרדס פירן זיך...

עס איז גוט באַקאַנט — פאַר די וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם ענין — די דרשה וואָס ראַבאַי פּאָול לעווענסאָן פון טעמפּל „אוהב שלום״ אין ברוקלאַין, מאַסאַטשוסעטס (לעבן באָסטאָן) האָט געהאַלטן מיט אַ צייט צוריק. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער פּאָזיטיווער ראָל פון אידן אינ׳ם נעגער־קאַמף און — אויף געוויסע אידישע לענדלאָרדס, קרעמער...

דער נעגער אין די צפון־און מערב־שטאַטן קומט ווייניג אין קאָנטאַקט מיט די סטודענטן און ראַבאַיס וואָס פאָרן אויף דרום. ער קומט מער, אָדער אויסשליסלעך, אין קאָנטאַקט מיט „זיין״ לענדלאָרד. און ווען דער לענדלאָרד איז אַ איד, און ווען ער פירט זיך אויף ניט ווי עס דאַרף זיין — ווי עס טרעפט ליידער מיט געוויסע לענדלאָרדס — באַקומט זיך ניט גוט.

עס איז אמת — ניט ווייל ער איז אַ איד, נאָר ווייל ער איז אַ סלאָם־לאָרד פירט ער זיך אַזוי אויף. ער רייסט אַ פּאַס אויך פון אידן וואָס וואוי־נען אין זיינע הייזער, דריקט און שטיקט. פון דער אַנדערער זייט, מאַכט זיך אָפט אַ נעגערשער לענדלאָרד, וואָס איז ניט בעסער. חוץ דעם, די סטאַ־טיסטיק באַווייזט אויך, אַז זייער פיל סלאָם־הייזער געהערן צו די בענק, וואָס ווערן אָנגעפירט פון „ריינע״ אַנגלאָ־זאַקסן. זיי זעט אָבער ניט דער נעגער, וואָס וואוינט אין די סלאָמס.

די וואָס זוכן צו פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם צווישן די נעגער רוקן אַרויס גראָד דעם אידישן סלאָמלאָרד ווי אַ מוסטער. זיי דערמאָנען, פאַר־שטייט זיך, ניט די אַלע ראַבאַיס און יוגנטלעכע, וואָס זיינען געפאָרן אויף דרום. די העצער ווילן ניט וויסן, אָדער ווייסן טאַקע ניט, פון דער ראָל פון אידישע פירער, וואָס באַטייליגן זיך אין די נעגער־קאַמפן.

אַנטיסעמיטיזם צווישן ווייסע און נעגער

אַז עס איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אויך צווישן נעגער, איז קלאָר. עס איז דאָ אַנטיסעמיטיזם צווישן ווייסע — פאַרוואָס זאָל צווישן נעגער ניט זיין?

טאַקע ווייל איינער איז אונטערדריקט — זוכט ער אַמאָל אויסצוגיסן דעם צאָרן געגן אימיצן פון אַן אַנדער מינאָריטעט. חוץ דעם, די ווייסע ראַ־סיסטן וואָלטן געדאַרפט זיין אידיאָטן ניט צו פּרובירן אויסנוצן דעם אַנטי־סעמיטיזם, כדי אַריינצוהאַקן אַ קלין אין דער נעגערשער רעוואָלוציע. אַט טאַקע ווי דער צאַריזם האָט פּרובירט אויסנוצן דעם אַנטיסעמיטיזם געגן דער רעוואָלוציע.

געוויס דאַרפן די נעגערשע פירער באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם צווישן נעגער. פון צייט צו צייט טרעט די פירער אַרויס געגן אַנטיסעמיטיזם. גי־כער פון אַלץ באַקעמפן זיי אַנטיסעמיטיזם דורך אַרויסטרעטן אָפן מיט אי־דישע פירער אויף איין פּלאַטפאָרמע, דורך אַרבעטן צוזאַמען מיט די אידישע פירער, אַלע זאָלן עס זען. אידן באַטייליגן זיך אין דער אָנפירונג פון דער גרעסטער נעגערשער אָרגאַניזאַציע „ען־עי־עי־סי־פּי" און דאָס איז ניט קיין סוד. ווען ראַבאַי יאָאַכים פּרינץ און ראַבאַי אורי מילער זיינען אַרויס־געטראָטן אין וואַשינגטאָן דעם 28טן אויגוסט 1963, האָט עס דאָס גאַנצע לאַנד געזען.

מען דאַרף ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף אַנטיסעמיטישע און בכלל נעגאַטיווע עלעמענטן צווישן די נעגער. עס איז פאַראַן שאָוויניזם דאָ — ווי עס איז פאַראַן אידישער שאָוויניזם, — ווערלכער דאַרף פּונקט אַזוי באַקעמפט ווערן. עס האַנדלט זיך ניט דורכאויס וועגן 100 פּראָצענט צדיקים, אויף ביידע זייטן... דער עיקר איז — דער עיקר. די הויפּט־פּראָבלעם פאַר די נעגערשע פירער, ווי פאַר'ן לאַנד בכלל, איז איבערצובויען דאָס נע־גערישע לעבן.

דאָס דערשלאָגן זיך שטימרעכט, אָדער דאָס רעכט אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ האָטעל, איז ערשט אַן אָנהויב. ווי האָט דר. קינג ריכטיג געזאָגט: וואָס קומט אַרויס ווען דער נעגער קאָן שוין אַריינגיין מיט זיין פרוי אין אַן אָנשטענדיגן רעסטאָראַן — ווען זיי האָבן ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר'ן מאָלצייט?

עס איז קיין פראַגע ניט, אַז דער קאַמף פון די נעגער־מאַסן פאַר ציווילע רעכט וועט מוזן אַריבערוואַקסן אין אַ קאַמף פאַר סאָציאַלע פאַרבע־סערונגען און במילא אויך אין אַ פאַרשטאַרקטן קאַמף פאַר שלום. די אַנטוויקלונג קומט איצט פאַר פאַר אונזערע אויגן. אַזוי לאַנג ווי מען וואַרפט אַרויס צענדליגער ביליאָנען דאָלאַר אויף באַוואָפענונג, ביליאָנען פאַר דער מלחמה אין וויעטנאַם, וועט מען אויף פאַרבעסערן די לאַגע פון די אָרעמע נעגער־מאַסן — ווי פון די אָרעמע בכלל — אויסצייילן גראָשנס, און אַמאָל דאָס אויך ניט. קאַמף פאַר גרינטלעכע, ממשות'דיגע סאָציאַלע פאַרבעסע־רונגען איז — קאַמף פאַר שלום.

האָבן מיר ווידער אַ ביישפּיל ווי אַזוי דער נעגער־קאַמף איז אַ קאַמף פאַר אונז אַלעמען, ווייל מיר אַלע דאַרפן דאָך שלום.

דער נעגער אויף דרום — און אויף צפון און מערב

„נעגער האָבן דאָך אַזויפיל געוואונען!"

די פראַגע איז אַזאַ:

— גראָד איצט, ווען די נעגער־מאַסן האָבן אַזוי פיל געוואונען אינ'ם קאַמף פאַר ציווילע רעכט, קומען פאַר די אויפברויזן אין לאָס אַנדזשעלעס און אַנדערע ערטער אין די צפון־שטאַטן, מיטל־מערב און מערב־שטאַטן. פאַרוואָס?

דער ענטפער אויף דעם איז אַ צווייפאַכער. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע — מייסטנס ווייסע — וואָס טראַכטן מער וועגן דעם וואָס די נעגער אין דרום האָבן געוואונען, אין פרט פון רעגיסטראַציע צו קאָנען שטימען, אין פרט פון צוגעלאָזט ווערן צו פאָרן אויף די „באָסעס" גלייך מיט ווייסע, אָדער אַריינגעלאָזט ווערן אין רעסטאָראַנען און אַנדערע ערטער. און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע — מייסטנס נעגער — וואָס טראַכטן מער מיט פאַרדרוס און ביטערקייט הלמאי מ'דאַרף גאָר היינטיקע צייטן קעמפן פאַר אַזעלכע מינימאַלע מענטשלעכע פאָדערונגען. און ס'איז נאָך אַ פראַגע אויף וויפיל די געזעצן, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען, וועלן פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן.

די קאַמפן אויף דרום האָבן אויך געגעבן אַנדערע לעקציעס. קודם — אַז מען קעמפט דערשלאָגט מען זיך רעזולטאַטן. און די נעגער־מאַסן דאָרטן האָבן באַוויזן אַ געוואַלטיגן העראָאיזם אין די דאָזיגע קאַמפן.

„מאָנטגאָמערי", „ליטל ראָק", „בירמינגהעם", „סעלמאַ" און אַנדערע ערטער זיינען אַריין אין דער געשיכטע. מען האָט די נעגער־קעמפער געבערענט און געבראָטן, אָנגערייצט אויף זיי בייזע הינט, געשטאָכן מיט עלעקטריזירטע שטעקנס, באַגעגנט מיט גאַז, אויפגעריסן זייערע קירכן. מ'האָט געשפאָלטן קעפ און טאָקע דערשאָסן, אָבער זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. און אויף געוואַלט־מעשים האָבן זיי ניט אָפּגעענטפערט מיט געוואַלט־מעשים. דער לאָזונג פון „נאָן־וואיאָלענט" (ניט געוואַלט־זאַמע) קאַמפן איז אָפּגעהיט געוואָרן פון איין צד, פון דעם נעגערשן.

אַ הערצאַרישער קאַמף!

ז'אָס זיינען געווען מאַסן־קאַמפן, ניט פון יחידים העלדן. די נעגערשע מאַמעס, וואָס האָבן באַגלייט זייערע קינדער אין שול אַריין אין ליטל ראָק, זיינען ניט אַרויסגערוקט געוואָרן ווי העלדן. עס איז אויף זיי פשוט אויס־געפאַלן צו שיקן זייערע קינדער אין שול און צו באַגלייטן זייערע קינדער — און זיי האָבן דאָס געטאָן, ניט אָפּגעשטעלט זיך פאַר ביקסן און באַיאָ־נעטן. די קינדער האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט. די וואָס זיינען געגאַנגען וואָכן לאַנג צופוס אין מאָנטגאָמערי, בשעת דעם סטרייק געגן די „באָסעס", זיינען ניט געווען קיין אויסדערוויילטע — דאָס האָט אַ גאַנץ פאָלק אַזוי געקעמפט, קינד און קייט.

זיינען די קאַמפן אין דרום אַ ביישפיל, אַז מיט קאַמף דערשלאָגט מען זיך עפּעס. אָבער דער דרום האָט צוגעשטעלט אויך אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן נאָר געקאָנט אויפרייצן, דערצאָרענען ביז גאָר. און דאָס איז — די הפקרות מצד די ראַסיסטן. טאַקע דאָס ברענען און בראָטן, די מערדערייען אָן אַ צאָל. די מערדער, די אונטערצינדער, זיינען אין ערגעץ ניט באַשטראָפט געוואָרן. האָט מען שוין געכאַפּט דאָ און דאָרטן אַ מערדער, איז ער אַרויס פריי.

עס זיינען אַרויס פריי אויך די וואָס האָבן דערמאָרדעט ווייסע קעמפער פאַר ציווילע רעכט. נאָר־וואָס זיינען דריי ווייסע גייסטלעכע געשאָסן גע־וואָרן. אויך דאָס קאָן נאָר פאַרשטאַרקן דעם צאָרן צווישן די נעגער־מאַסן. אָט ווי וויט די ראַסיסטן קאָנען גיין! אָבער דער עיקר געדענקט מען געוויס צווישן די נעגער־מאַסן די דערמאָרדעטע נעגערשע קינדער אין ביר־מינגהעם, די דערמאָרדעטע נעגער־פירער.

ווען מ'האָט אין מיסיסיפי געזוכט די קערפּערס פון די דריי מאַרטירער־סטודענטן, ענדריו גודמאַן, מאַיקל שווערנער און דזשעימס טשעני, האָט מען אין די טייכן געפונען טיילן פון נעגערשע קערפּערס — און מען ווייס אפילו ניט ווער זיי זיינען (די קרובים, די פרויען און קינדער פון די דער־מאָרדעטע, ווייסן).

אַזוי אַז די קאַמפן אין דרום האָבן ניט נאָר אַ פּאָזיטיווע ווירקונג. זיי צעברענען אויך. זיי צינדן אָן פייערן אין די הערצער פון די נעגער־מאַסן. דאָס איז איין ענטפער אויף דער פראַגע צום אָנהויב פון דעם קאַ־פּיטל. צווייטנס, און דאָס איז באַזונדער וויכטיג — די נעגער אין צפון און מערב שטייען גאָר פאַר אַנדערע פּראָבלעמען.

זיי האָבן שוין פון לאַנג רעכט צו שטימען. נאָר עסן קאָן מען דאָס ניט. דאָ שטייט די פראַגע פון דער געוואַלטיגער אַרבעטלאָזיקייט, וועלכע איז, ווי לעאָן קייזערלינג האָט דעם 24טן אויגוסט אָנגעוויזן אין דער „ניו יאָרק טאַימס", אויף צוויי מאָל גרעסער צווישן נעגערשע דערוואַקסענע (אָב־

שטאָט אַכט פּראָצענט — 16 פּראָצענט) און אויף פיר מאָל גרעסערע צווישן דער נעגערשער יוגנט (אַנשטאָט אַכט פּראָצענט — 32 פּראָצענט).

נעגער לאַגע איז געוואָרן ערגער — פאַרוואָס?

מיר האָבן שוין פריער געבראַכט די פאַקטן, וואָס פּרעזידענט קענעדי און פּרעזידענט דזשאָנסאָן האָבן אָנגעגעבן וועגן דער ביטערער לאַגע צווישן די נעגער. לאָמיר זיך אומקערן צו דזשאָנסאָנ׳ס רעדע אין דער האָר־אַרד אוניווערזיטעט דעם 4טן יוני. ער האָט, צווישן אַנדערע, אָנגעוויזן אויף אַזעלכע פאַקטן:

1. אין 1952 איז דער דורכשניטלעכער איינקונפט פון אַ נעגער־פאַמיליע געווען 57 פּראָצענט פון אַ ווייסער פאַמיליע. אין 1963 איז דער פּראָצענט געפאַלן — ביז 53 פּראָצענט.
2. אין די יאָרן 1955־1957 זיינען 22 פּראָצענט פון נעגערשע אַר־בעטער געווען אָן אַרבעט וועלכע עס איז צייט אין משך פון יאָר. אין די יאָרן 1961־1963 איז דער פּראָצענט אַרויף ביז 29 (אַנשטאָט 22).

דאָס הייסט, די לאַגע ווערט ערגער, אַנשטאָט בעסער.

איין סיבה דערויף, אַפּנים די שטאַרקסטע, איז אויטאָמאַציע, וועלכע וואַרפט אַרויס פון דער אַרבעט די „פּראָסטע" אַרבעטער, די אומגעלערנטע און האַלב־געלערנטע. דאָ רופט זיך אָפּ דער מאַנגל אין בילדונג צווישן די נעגער־מאַסן.

פאַרוואָס מאַנגל אין בילדונג? האָבן ניט די נעגער אין ניו יאָרק, למשל, די זעלביגע מעגלעכקייט וואָס ווייסע?

בשום אופן ניט. די סקולס (שולן) זיינען ערגערע, מען לערנט ערגער. און ווען אין דער משפחה הערשט נויט, שיקט מען די קינדער פרי זוכן אַר־בעט, אָדער זיי אַליין לויפן זוכן. שיקן אַ קינד אין קאָלעדזש קאָנען זיך זייער ווייניק משפחות פאַרגינען. און דאָ מוז מען געדענקען אַן אַנדער זאַך: די געוואַלטיגע, אימפּעטיגע איבערוואַנדערונג פון די דרום־שטאַטן אויף צפון, מיטל־מערב און מערב.

פּעט מאַיניהען און נעיטן גלעיזער ווייזן אָן אין זייער בוך וועגן ניו יאָרק („ביאָנד דהי מעלטינג פּאָט"), אַז אין די צען יאָר, צווישן 1950 און 1960, זיינען קיין ניו יאָרק געקומען 340 טויזנט נעגער פון די דרום־שטאַטן. דאָס זיינען אימיגראַנטן — פּונקט ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַן אַנדער לאַנד. דאָס זיינען מענטשן אָן בילדונג, אָדער מיט גאָר ווייניג בילדונג — אַלס רעזולטאַט פון דעם ווייס־ראַסיסטישן רעזשים אין די דרום־שטאַטן. צוזאַמען מיט די נעגער וואָס זיינען פאַר 1950 געקומען פון דרום, האָט ניו יאָרק אין 1960 געהאַט אַ נעגער־באַפעלקערונג פון אַ מיליאָן מיט

88 טויזנט און אַ העלפט פון אַלע נעגער איבער 20 יאָר אַלט זיינען דער־מאָלט געווען געקומענע פון דרום.

זאָגט דאָ האָבן מיר אַ צווייפאַכן ענטפער אויף דער פראַגע פאַרוואָס דער צושטאַנד פון בילדונג צווישן די נעגער אין די צפון־מערב שטעט איז אַזאַ נידעריגער. און אויף וויפיל עס איז פאַקטיש פאַראַן סעגרעגאַציע (אָפּגעזונ־דערטקייט), ווערט דער צושטאַנד אָנגעהאַלטן, ווייל די ריין־נעגערשע שולן זיינען שלעכטע; דאָס קינד וואָס ענדיגט אַ נעגערשע שול איז אויף אַ נידעריגער שטופע אין פּרט פון בילדונג.

אַזוי אַז דער נעגערשער יוגנטלעכער האָט אויסצושטיין פון אַ צוויי־פאַכער פּלאָג: ניט נאָר איז זיין הויט אַ טונקעלע — וואָס דאָס אַליין איז אַ געוואַלטיגע שטערונג ביים „קריכן אויף לייטער פון לעבן״, — נאָר די מדרגה פון בילדונג איז ביי אים אַ נידעריגע, אָן זיין שולד. דערפאַר איז די אַרבעטלאָזיקייט צווישן דער נעגערשער יוגנט אַזאַ מורא׳דיגע, ממש אַ געפערלעכע (פאַקטיש נאָך מער ווי די 32 פּראָצענט לויט קייזערלינג׳ס חשבון).

פאַרוואָס אידן, איטאַליענער האָבן יאָ באַוויזן זיך צו פאַרבעסערן

מ׳דאַרף אויך אינזינען האָבן אַזאַ זאַך ווי טראַדיציע פון לערנען. און דאָ קומען מיר צו דער פראַגע: פאַרוואָס האָבן אידן באַוויזן אַרויסקריכן פון דער איסט סאַיד געטאָ, אַרויסקריכן פון דער אָרעמקייט פון די ערשטע אימיגראַציע־יאָרן און נעגער באַוויזן ניט?

דעם וויכטיגסטן ענטפער אויף דער פראַגע האָט פאַראַיאָרן, בעת די אומרוען אין האַרלעם, געגעבן דער באַקאַנטער אידיש־ענגלישער שרייבער הערי גאָלדען. ער האָט געשריבן:

„די אימיגראַנטן, וועלכע איך געדענק ווי אַ אינגל אויף דער איסט סאַיד אין ניו יאָרק, און אין דער ,קליינער איטאַליע׳, און אין ,העל׳ס קיטשען׳ [אירלענדער], זיינען געווען פּונקט אַזוי אָרעם ווי דזשעימס באַלדווינ׳ס אָרעמע אין האַרלעם. אָבער מיר האָבן געקאָנט אַרויסגיין, און די מייסטע פון אונז זיינען אַרויס, אין דער אָפענער געזעלשאַפט. דער עיקר פון דער געשיכטע איז אָבער, טרויעריג ווי זי זאָל ניט זיין, וואָס די נעגער זיינען אָרעם און וואוינען אין ראַצן־פאַרפעסטעטע חורבות — און קאָנען ניט אַרויס. מיר האָבן געשאַפן דעם פּאָלי־טישן, עקאָנאָמישן און סאָציאַלן צוואַנג, וואָס האַלט זיי אין קלאַמערן״ („ב. י. פּאָוסט״, יולי 26, 1964).

„מיר האָבן געשאַפן״. ווער מיר?

יעדערער פון אונז קאָן געוויס זאָגן, אַז ער אַליין, אָדער זי אַליין, איז דאָ ניט שולדיג. פאַרקערט, „מיר זיינען געגן אַזאַ צוואַנג״. אָבער דאָס קאָנען אַנדערע אויך זאָגן: „מיר זיינען ניט שולדיג״. טאָ ווער איז שולדיג? דער פאַקט איז דאָך פאָרט, אַז דאָס האָט אונזער „ווייסע ציוויליזאַציע״ אַזעלכע באַדינגונגען באַשאַפן און יעדערער וואָס קעמפט ניט אָפצושאַפן דעם דאָזיגן צוואַנג; יעדערער וואָס אָנערקענט ניט דעם דאָזיגן צוואַנג, איז שולדיג.

אַמאָל, אויף דער איסט סאַיד...

מען זוכט חסרונות אויף דער נעגערשער געזעלשאַפט, אויף דער נעגערשער פאַמיליע. נאָך חסרונות זוכט מען. וואָס איז שייך דער נידעריגער שטופע פון בילדונג, האָבן מיר שוין געזען ווער ס׳איז שולדיג. וואָס איז מכוח דער פאַמיליע, דער געזעלשאַפט, די „מאַניערן״ און אַזוי ווייטער?

זאָל דאָ דערלויבט זיין אומצוקערן זיך אויף אַ ווײַלע צו די ערשטע יאָרן פון דער אידישער אימיגראַציע, אויף דער איסט סאַיד. דער צושטאַנד פון די גאַסן אויף דער איסט סאַיד איז געווען ניט אַזאַ וואַזשנער. אַריסטאָקראַטישע „לעידיס״ פלעגן פאָרן אָנקוקן דעם בייז-וואונדער, דעם שמוץ, די ענגשאַפט, די וועש אויף די פייער-עסקעיפּס״.. מען פלעגט זיצן אויפ׳ן „סטופּ״ (שוועל), מען פלעגט אין די הייסע נעכט שלאָפן אויף די „פייער-עסקעיפּס״, אויף די דעכער...

וואָס איז שייך פאַרברעכנס, איז גוט באַוואוסט, אַז אַ צאָל פון די „באַרימטסטע״ געגנסטער זיינען צוגעשטעלט געוואָרן פון דער אידישער איסט סאַיד (לעפקע, גורא, די מעשה אַרנאָלד ראָטשטיין און אַזוי ווייטער). און דאָס איז געווען אַזוי צווישן אידן, וואָס זיינען געקומען פונ׳ם שטעטל, וואו דאָס פאַמיליע-לעבן איז דורות לאַנג געווען פעסט-אָפּגעהיט.

וואו ס׳איז אָרעמקייט — דאָרט פאַרברעכנס. זיי האָבן ניט געפעלט אפילו אין דער אַלטער היים. אויף דער סמאָטשע גאַס אין דער אַמאָליגער וואַרשע, למשל, איז געווען פאַרברעכנס, פּראָסטיטוציע. דאָ אין אַמעריקע קומט נאָך צו דער פאַקט, וואָס די פאַרברעכן-כוואַליע שטייגט בכלל, אויך צווישן ווייסע, אויך צווישן רייכע (מיר רעדן שוין ניט פון די גרויסע פאַרברעכער, וואָס פאַראַדירן ווי באַנקירן, פאַבריקאַנטן, מלוכה-לייט...).

דער צושטאַנד פון דער נעגערשער פאַמיליע

וואָס איז מכוח דער נעגערשער פאַמיליע?

די דערמאָנטע צוויי אויטאָרן, מאָיניהען און גלעיזער, ווייזן אָן, אַז

דענן נעגערשן מאַן איז שווערער צו קריגן אַרבעט אין ניו יאָרק, ווי דער נעגערשער פרוי. צו אָפט מוז די פרוי זיין די שפּייזערין. ווען די פאַמיליע מוז לעבן אויף רעליף, האָט זי „בעסערע“ מעגלעכקייטן דערויף ווען דער מאַן איז ניטאָ. איז דאָס נאָך אַ סטימול אויף ברעכן די פאַמיליע.

אָבער די נעגערשע פאַמיליע האָבן מיר, ווייסע (יאָ, „מיר“, ווייל אַלע טראָגן די אחריות דערפאַר) געבראָכן אין משך פון הונדערטער יאָרן! פריער האָט מען די נעגער געכאַפּט אין אַפריקע און געבראַכט אַהער, — אויף אַזעלכע „קלייניגקייטן“ ווי פאַמיליעס, ווי טאַטעס, מאַמעס, קינדער, האָט מען ניט געקוקט. דערנאָך האָט מען יאָרן לאַנג דאָ אין לאַנד פאַר־קויפט נעגער אויפן מאַרק — פאַטערס און מוטערס אָפּגעריסן פון זייערע קינדער און אַזוי פאַרקערט. עס איז נאָר אַ וואונדער וואָס אַזוי פיל נע־גער, די מערהייט נעגער, האָבן באַוויזן אין דער פאַרהעלטניסמעסיג קור־צער צייט בייקומען די טראַדיציעס וואָס ווייסע האָבן אין זיי איינגעפלאַנצט, האָבן געשאַפן געזונטע פאַמיליעס.

דאָס הייסט ניט, אַז אַלץ איז גוט. אָבער זאָלן דער עיקר נעגער אַליין אָנווייזן אויף חסרונות. אידן האָבן אַמאָליגע יאָרן ניט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן זיי אָנווייזן אויף די לעפּקעס און גוראס... און צווישן די נעגער, ווי שוין באַמערקט, קומט פאָר אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג, מיט אַ סך פּאָזיטיווע אויסדרוקן.

פאַר די נעגער שטייט די פראַגע וועגן קריגן אַרבעט, לייזן די ביטערע אַרונטערלאָזיגקייט. עס שטייט די פראַגע פון אָפּשאַפן די סעגרעגאַציע אין דער שול־סיסטעם, הויבן די מדרגה פון בילדונג.

און מ׳דאַרף געדענקען, אַז אויף די יוניאָנס פאַלט אַ גרויסע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט בנוגע אַרבעט; עס זיינען נאָך דאָ יוניאָנס, וואו עס ווערט פּראַקטיצירט ראַסיזם. נעגערס ווערן ניט צוגעלאָזט אַלס מיטגלידער.

וואָס איז מכוח פּאָליציי־ברוטאַליטעט?

אין האַרלעם פאַראַיאָרן און אין לאָס אַנדזשעלעס איצט איז די פּאָליציי־ברוטאַליטעט געווען דער פּונק וואָס האָט אויפגעריסן די פאַס פּולווער.

מען דאַרף באַדויערן, וואָס געוויסע שרייבער אין אידישע צייטונגען — שרייבער וועלכע מ׳דאַרף ניט אַוועקשטעלן אויף איין ברעטל מיט די ראַ־סיסטן דאָרטן, וואָס שרייען „פּאָגראָם“ — ווילן דאָס ניט אָנערקענען. אַזאַ צייטונג ווי די „טאַימס“ אָנערקענט יאָ, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן.

וואָס איז שייך לאָס אַנדזשעלעס, האָט דער פירער פון די בוירטשערס, דער געוועזענער קאָנגרעסמאַן רוסעלעט, מיט אַ צייט צוריק זיך באַרימט, אַז צוויי טויזנט פּאָליסלייט פון דער שטאָט זיינען בוירטשערס! קאָן שוין טאַקע ביי אַזעלכע דער נעגער קריגן יושר!

דער פּאָליסמאַן איז אויך אויף דער איסט סאַיד אַמאָליגע יאָרן בשום אופן ניט געווען דער בעסטער פריינט פון די אידישע אימיגראַנטן און אַוודאי ניט געווען דער בעסטער פריינט פון די סטרייקנדיגע נאָדל־אַרבע־טער... אין דער נעגערשער געטאָ, ווען צווישן די פאַרפאָלגטע און דעם פּאָליסמאַן מישט זיך אַריין אויך אונטערשייד אין דעם קאָליר פון דער הויט, דער ווייס־ראַסיסטישער צוגאַנג, קאָן מען זיך גרינג פאָרשטעלן וואָס דערפון באַקומט זיך.

דער קאַמף געגן דער פּאָליציי־ברוטאַליטעט און פאַר באַשטראָפן אַזעלכע ווי דעם פּאָליציי־הויפּט אין לאָס אַנדזשעלעס, וויליאַם פּאַר־קער, איז אַ דרינגענדיגע זאַך. אָבער איבער אַלץ איז נויטיג אַ גרינטלעכע און שנעלע פּראָגראַם פון עקאָנאָמישער רעהאַבּיליטאַציע, טאַקע מיט דער הילף פון אַ סך צענדליגער ביליאָנען דאָלאַרן — אָט ווי עס פאָדערן אַזעלכע נעגערשע פירער, ווי באַיארד ראַסטין.

אָנשטאָט וואַרפן ביליאָנען דאָלער פאַר מיליטערישע צוועקן — וואַרפן די ביליאָנען אין קאַמף געגן אָרעמקייט בכלל און באַזונדער אין קאַמף געגן דער נעגערשער אָרעמקייט. עס זיינען אין דער ערשטער ריי נויטיג פּראָיעקטן אויף געבן אַרבעט דער יוגנט.

אויך אין דרום ווערט די פראַגע וועגן אַרבעט באַלד שאַרף געשטעלט ווערן, — און איז שוין טיילווייז געשטעלט געוואָרן. דער קאַמף פאַר ציווילע רעכט איז געווען (אָדער איז נאָך) נאָר די ערשטע פאַזע פון דער נעגער־רעוואָלוציע. איצט קומט די פאַזע — קאַמף פאַר סאָציאַלע רעכט. אויף צפון, מיטל־מערב און מערב שטייט די פראַגע פון סאָציאַלן יושר, פון אַרבעט און פון בילדונג כדי צו קאָנען קריגן אַרבעט — שאַרף און דרינ־גענדיג.

ווי לאַנג — אָ, ווי לאַנג?

אין דער „נ. י. טאַימס“ איז זונטאָג, דעם 24טן אויגוסט, אין אַן אַרטיקל אינ׳ם זונטאָג־זשורנאַל (מעגעזין), איבערגעגעבן געוואָרן אַזאַ חשבון וואָס פּראָפעסאָר טאָמאַס פ. פּעטיגריו פון האַרוואַד אוניווערזיטעט האָט געמאַכט:

> לויטן „אימפּעט“ פון די „געווינסן“, וואָס די נעגער האָבן געהאַט צווישן 1950 און 1960 אויפ׳ן געביט פון באַשעפטיגונג, וועלן זיי צווישן אָנגעשטעלטע (קלוירקס) זיך אויסגלייכן מיט ווייסע אינ׳ם יאָר 1992; צווישן געלערנטע (סקילד) אַרבעטער וועלן זיי זיך אויסגלייכן מיט ווייסע אין יאָר 2005; צווישן פּראָפעשיאָנאַלס (פרייע פּראָפעסיעס) — אין יאָר 2017 און צווישן געשעפטס־לייט, פּאַרוואַלטער (מענ־עדזשערס) און אייגנטימער — אין 2730...

איז וואָס שייך געשעפטסלייט און אַזוי ווייטער, וועט אפשר ביז'ן יאָר 2730 עפּעס פּאַסירן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער גענזעלשאַפט... זיבן הונ־דערט מיט 65 יאָר איז אַ שטיקעלע מהלך פון צייט... (כאָטש נעגערשע גע־שעפטסלייט וועלן שוין ווערן אַביסעלע אומגעדולדיג פון אַזאַ אורטייל). אָבער וואָס איז שייך "אויסגלייכן" זיך אויפן געביט פון געלערנטע אַרבעטער, אָנ־געשטעלטע און פּראָפעסיאָנאַלן, איז אויך אַביסעלע צו לאַנג צו וואַרטן.

ווי האָט דאָרט דער דיכטער דוד עדעלשטאַט געפרעגט אין זיין קאַמף־ליד: "ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג?"

נאָכדעם ווי דער נעגער האָט אָפּגעוואַרט 300 יאָר, אין דעם 100 יאָר זינט דער "באַפרייאונג" קוקן די יאָרן 1992, 2005 און 2017 אויס אַביסעלע צו ווייט. אסור אויב מ'מעג פאַריבל האָבן ווען דער נעגער ווערט אומגע־דולדיג. די פראַגע וועגן "אויסגלייכן" שטייט שאַרף און דרינגענדיג!

דאָס מוז מען כסדר אינזינען האָבן! און אינזינען מוז מען האָבן כסדר, אַז דער קאַמף פון און פאַר די נעגער־מאַסן איז אַ קאַמף פאַר אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, אמת'ער דעמאָקראַטיע, פאַר אַלעמען. "אַ פאָלק קאָן ניט זיין האַלב פריי און האַלב שקלאַף", האָט לינקאָלן געזאָגט! און צוליב דעם און אויך צוליב די ספּעציעלע סיבות, אויף וועלכע מיר האָבן דאָ אָנגעוויזן, איז דאָס אין דער זעלביגער צייט אַ קאַמף פאַר אידן, פאַר אידישע לעבנס־אינטערעסן!

אינפאָרמאַציע

די „מאָרגן פרייהייט" איז אַ טעגלעכע אידישע צייטונג. יעדן זונטאָג דערשיינט די „מאָרגן פרייהייט" אין אַ ספּעציעל פאַרגרע־סערטער אויסגאַבע פון 16 זייטן מיט אָפּטיילונגען וועגן דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג, ליטעראַטור, פאַמיליע און 2 זייטן אין ענגליש.

מען קאָן די „מאָרגן פרייהייט" אויסשרייבן פאַר יעדן טאָג און מען קאָן אויך אויסשרייבן בלויז די זונטאָגדיגע אויסגאַבע. מען קאָן די „מאָרגן פרייהייט" אויך קריגן אויף די סטענדס אין אַלע גרע־סערע שטעט פון לאַנד.

די „מאָרגן פרייהייט" פאַרמאָגט אירע אייגענע קאָרעספּאָנדענטן אין מדינת ישראל, פוילן, סאָוועטן־פאַרבאַנד, פראַנקרייך, מזרח און מערב־דייטשלאַנד און אַ גאַנצער ריי אַנדערע לענדער איבער דער וועלט.

די „מאָרגן פרייהייט" פאַרמאָגט אַ בוך־האַנדלונג, וואו מען קאָן קריגן אידישע ביכער פון אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע, סאָוועטן־פאַרבאַנד, פוילן, רומעניע, ישראל און פראַנקרייך.

אויב איר ווילט זיך באַקענען מיט דער „מאָרגן פרייהייט" פילט אויס דעם קופּאָן און שיקט אים אונז צו.

MORNING FREIHEIT

35 E. 12th St., New York 3, N. Y.

פאַרוואַלטונג „מאָרגן פרייהייט"

זייט אַזוי גוט און שיקט מיר אייער זונטאָגדיגע אויס־גאַבע פאַר אַ מאָנאַט פריי.

Name ....

Address ....

City ....
Zone State